Radom ... 21 (261)
Adres: Ra... ...wska 20.

Radom Piątek 31 Maja 1929
ראדאם פרייטאג כ״א אייר תרפ״ט.

8 זייטען VI-ער יאהרגאנג הײנט

# ראדאמער-קעלצער לעבען

GARBATKA
— w willi p. —
**Sobienieckiego**
obok willi RÓŻ
otwiera 1 czerwca b. r.
L. ROZENBERGOWA
**PENSJONAT**
**dla dzieci**
**i młodzieży.**
Rutynowana freblanka.
Kuchnia zdrowa i rytualna.




צירעל ניימאן — מרדכי שטעלמאן

## פערלאבט

ראדאם 27 מאי 1929.

| | |
|---|---|
| צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבע טאכטער און שוועסטער צירעל מיט ה׳ מאטיל שטעלמאן ווינשען מיר, אז זייער לעבענס-וועג זאל זיין בעציערט מיט בלומען. עלטערן, שוועסטער און ברידער ניימאן. | צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבען זוהן, ברודער און שוואגער מאטיל מיט פרל׳ צירעל ניימאן ווינשען מיר זיי א גליקליכען צוזאמענבונד און עוויגע צופרידענהייט. מוטער, ברידער, שוועסטערן און שוועגערן שטעלמאן. |
| צו דער פערלאבונג פון אונזער שוועסטערן-זוהן און קוזין מאטיל מיט פרל׳ צירעל ניימאן ווינשען מיר גליק און צופרידענהייט. ש. ראזענבלאט עם פרוי און קינדער. | צו דער פערלאבונג פון אונזער ברודער און שוואגער מאטיל מיט פרל׳ צירעל ניימאן ווינשען מיר עוויגע צופרידענהייט און א גליקליכע צוקונפט. יוסף לענדער עם פרוי און קינדער |

מזל-טוב ווינשען מיר דער פאמיליע ניימאן
צו דער פערלאבונג פון זייער געליבטע טאכטער צירעל
מיט ה׳ מאטיל שטעלמאן.
פאמיליע פלאטענבוים.

W dniu 29 maja 1929 zginął śmiercią tragiczną

**b. p.**

# NATAN ZYGMAN

z. członka naszego Zarządu.

*Cześć Jego pamięci!*

**Bank Kupiecki Spółdzielczy**
w RADOMIU.

## יונגלעך צו צוטראגען צייטונגען
אין נויטיג — באלד געצאהלט.

# נתן דוד זיגמאן נ״ע

פרעזעס פון סוחרים-פעראיין אין ראדאם, ראטמאן פון היגען שטאדט-ראט,
ראטמאן פון האנדעלס-קאמער אין סאסנאוויעץ, איז אומגעקומען פון א מערדערישע האנד
הינטער אלקוש אין דער נאכט פון דינסטאג אויף מיטוואך דעם 29-טען מאי.
אין פערשטארבענעם פערלירט דאס ראדאמער סוחרטום א איבערגעגעבענעם, אונערמידליכן פערטיידיגער
**עהרע זיין אנדענק!**

**סוחרים-פעראיין אין ראדאם.**

# ווער איז אימשטאנד און מחויב צו מאכען דעם סוחרים-פעראיין שטאַרקע ארגאניזאציע?

אין צוזאמענהאַנג מיט'ן לעצטען אויפטריט פון פרעזעס זיגמאַן דעם לעצטען זונטאַג, וויל איך נעמען אַ עפענטליך וואָרט אויף דער אויבען-אָנגעמערקטער טהעמע.

זייט איינינע וואָכען בין איך צוגעצויגען געוואָרען צו דער אַרבייט אין פעראיין צו אַ ווייט נישט-אָנגענעהמער מיסיע. איך האָב אָבער דעם אויפטראַג אָנגענומען און וויל ווירקליך עפּעס פאַר דעם אַנשטאַלט שאַפען.

אויף וויפיעל סטייל לעזער וויסען צוקומען יעדען שבת-צונאַכטס, אָדער זונטאַג אויף עקסטרא בעראַטונגען, וועלכע האָבען דעם אויסשליסליכען צוועק צו דערוועקען אַ וואַרימען אינטערעס פאַר'ן פעראיין מצד די פערזאַמעלטע מיטגלידער.

עס אונטערליגט דאָך קיין שום ספק נישט, אַז עס גיעט ביים היינטיגען טאָג, שיינט מיר, קיין איין פראָפעסיע וועלכע זאָל נישט פעראייניגען און בילדען פון די בעטרעפענדע פּראָפעסיאָנ'ס-געגאָסען אַ פעראַבאַנד, אָדער ווי מען רופט „זוויאָנזעק". עס איז אויך איבריג צו געבען צו פערשטעהען וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע בעדייטונג פאַר אַ סוחר, לאָמיר זאָגען, קען האָבען אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע אונטער'ן ווירקליך קלאַנגפולען נאָמען „סוחרים-פעראיין".

אין „ראַדאָמער לעבען" דאָ נישט

לאַנג האָט זיך אויך וועגען דער זאַך אַרויסגעזאָגט אונזער חבר ווענגער (אַ נייער מיטגליעד פון פעראיין און מיטאַרבייטער פון דער נייער בעוועגונג.)

[redacted]

רופען מיט אַ פאַר טרייסט-ווערטער

צום עולם. אין נישט נאָר ער האָט עס נישט געזעהן און געהאָרט. ביז איך וועל איהם אַ פאַר מאָהל וועגען דעם דערמאָנען, נאָר אויף דער פערזאַמלונג [redacted]נאַ האָט ער אייגענטליך וועגען אַלעם [redacted]רעדט און וועגען עיקר אינגאַנצען [redacted]שוויגען...

[redacted] צוליעב דער דיסקוסיע אייגענטליך, [redacted]תר צוליעב די פאַרוואורפען פון [redacted]הרערע מיטגליעדער, האָב איך וועגען דער עצם-זאַך נישט געקענט קיין [redacted]עלונג נעמען און דעריבער האָב איך. [redacted] די פערזאַמעלטע האָבען עס געהאַט [redacted] מעגליכקייט אויסדריקליך צו הערען [redacted]ם שלוס, געשטילט די געמיטער דורך [redacted]פווייזען די וויכטיגקייט פון רעס[redacted]קט פאַר'ן פּרעזעס-טיטול, אַלס די [redacted]כסטע אויסצייכנונג, וואָס מיר קענען [redacted]ונזער העכסטען פאָרשטאַנד בעשאַנ-

קען.

דאַגעגען איז דעם הערן פּרעזעס איז ווירקליך (איך בעטאָן דעם אויסדריק ווירקליך) געלעגען דערויף, אַז אונזער אָרגאַניזם זאָל זיין שטאַרק, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט. זאָל ער דער ערשטער געבען אַ ביישפּיעל ווי אַזוי וועניגסטענס זיך נעהנטער צוקוקען צום פאָלק, אויסהערען זיינע ליידען אום צו וויסען ווי אַזוי די זעלבע צו לינדערען דורך מעשים.

איך שאַץ אָב די אַרבייט פון ה' פּרעזעס. אַלס גרינדער פון פעראיין, אַלס קעמפּפער. אָבער לייזער וועגען דער טהעטיגקייט סאָלידאַריזיר איך מיך פולקאָם מיט די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען דורך די מיטגלידער און דערמאָהן נאָך אַמאָהל, אַז עס וועט זיין „יהי כבוד תלמידך חביב עליך כשלך" וועט ממילא זיין אויך: „וכבוד חברך כמורא רבך ומורא רבך כמורא שמים".

**אברהם פינקעלשטיין**

— ראַדאָם. —

*Od wielu lat już istniejące*

**Biuro Próśb** TŁOMACZEŃ — i — PRZEPISYWAŃ

p. f. „PROLITEX"

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna I-e piętro.

USKUTECZNIA

Podania, skargi, opozycje, apelacje w sprawach cywilnych, karnych, wojskowych i paszportowych oraz rekursy do wszystkich urzędów państwowych i administracyjnych

KORESPONDENCJA HANDLOWA

umowy i punkt. przedrejentalne

# כ'האָב אַ „נאַדזור"

## פון דער סעריע: „ראַדאָמער גליקען"

דער שכל איז אַ קריכער, ער קומט אייביג צו שפּעט. ערשט נאָך דעם אָפּגעטוענעם שטות זעהסטו, אַז דו האָסט געמאַכט אַ פעהלער. וויפיעל נאַרישקייטען טוט אָפּ דער מענש ביז ער פאַלט אויפ'ן שכל. וואָלטען די בחורים געזעהן אַ טאָג פאַר דער חתונה דאָס, וואָס זיי זעהען אַ טאָג נאָך דער חתונה, וואָלטען דאָך די דיינים נישט געדאַרפט אַרבייטען קיין „נאַכט-זמיאַנעס". וואָלט דאָך נישט געווען אַזאַ גט-עפּידעמיע... ווען דער שכל ביי די וועהלער וואָלט געקומען צו דער ריכטיגער צייט, וואָלטען דאָך אַ סך איצטיגע דעפּוטאַטען, ראַטמענער, דאָזאָרעס און אַנדערע כלי קודש נאָך ביז היינט נאָך געווען אָרענטליכע מענשען,... איז דאָך אָבער דער שכל אַ קריכער, און קומט אייביג אַ מינוט צו שפּעט.

איך מיין עס אַ קעגען די ראַדאָגליקען. ראַדאָמער גליקען! איהר זענט דאָך אויך נישט פון האַנאַלולו, איהר זענט דאָך אויך אַ ראַדאָמער, קענט איהר דאָך מסתמא די ראַדאָמער גליקען. וואָס מיינט איין אַ ראַדאָמער סוחר ווייסט איהר דאָך מסתמא. ווי אַזוי אַ ראַדאָמער סוחר אַרבייט איז דאָך אייך בעקאַנט. דער ראַדאָמער סוחר דערמאָהנט די מעשה מיט יענער יודענע ביי כפּרות שלאָגען: ערב יום-כפּור שטעהט אַ-יודענע מיט אַ היהן און דרעהט די היהן איבער'ן קאָפּ. דרעהט איינמאָהל. צוויי מאָהל. איז עס דאָך אָבער אַ היהן, אַ לעבעדיגער בעשעפעניש... ס'קען זיך דאָך מאַכען אַזאַ צופאַל... שרייט די יודענע צום מאַן:

— צדוק בער. גיב נאָר אַ קוק וואָס דאָ איז געשעהן, וואָס טוט מען?

וואָס זאָל מען טוהן? ענטפערט איהר דער מאַן, מ'ווישט אָפּ און מ'דרעהט ווייטער...

די ראַדאָמער סוחרים פיהרען זיך טאַקע אַזוי ווי יענע יודענע: מ'ווישט אָפּ און מ'דרעהט ווייטער...

בפה דברים אמורים. ווען איז דאָס אַלץ געווען געוואָרען? אַלץ אין יענע כאַנישע צייטען, ווען איבערדרעהען זיך דעם ספאָדיק, ווען דאָס זרויפּשטעלען די יודענע אויף דער שילד איז געווען אַ זעלטענהייט, דאַמאָלס האָט מען כאַקי געקענט אָפּווישען און ווייטער דרעהען. היינט אָבער, ווען ס'איז געוואָרען אַנ'אַלגעמיין פערדרעהעניש, ווען אַלע דרעהען, אַז ס'איז געקומען אַ צייט פון „אין בית אשר אין שם מת", אַז יעדער סוחר פון גראָסטען ביז'ן קלענסטען ענטפערט: „גאַדאַי מי דאָ דאָשקאַ", אַז יעדער ווייסט ווי אַזוי מ'בעקומט אַ „נאַדזור" העלפט שוין נישט דאָס מיטעל פון יענער יודענע פיי כפּרות שלאָגען...

יאָ, וועגען דעם „נאַדזור" מאַקע: איהר זענט דאָך נישט קיין נעכטיגער. איהר זענט דאָך סוחרים מיט אַ פערגאַנגענהייט. איהר האָט דאָך שוין מיטגעמאַכט כל ערליי גזירות און שלעק. אינפלאַציעס. סטאַבּיליזאַציעס. כאַגנאַציעס און פּהם מאַכינאַציעס. איהר האָט

# גרויסער קאנצערט פון בעריהמטען פידלער-ווירטואז פראפ. קאנטאראוויטש לטובת די געז. בית-יתומים און חנוך-ילדים.

דעם קומענדיגען שבת-צו-נאכט דעם 8-טען טשערוויעץ קומט פאר אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי" א גראנדיעזער קאנצערט לטובת די היגע צוויי וויכטיגע יודישע אינסטיטוציעס בית-יתומים און חנוך-ילדים.

אויפ'ן קאנצערט טרעט ארויס דער קינסטלער און פידעל-ווירטואז פראפ. אלעקסאנדער קאנטאראוויטש, וועלכער וויילט היינט אין ראדאם. ה' קאנטאראוויטש איז זעהר פאפולער און אנערקענט פאר א גרויסען טאלאנט פון די בעדייטענדסטע אויטאריטעטען פון די מוזיקאלישער וועלט.

דא ערשט נישט לאנג איז פראפ. קאנטאראוויטש אויפגעטרעטען אין ווארשאווער שטאדט-ראט אין אנוועזענהייט פון מלוכה-פרעזידענט מאשטשיצקי, פילסודסקי, אנדער'ן - מיניסטער סקלאדקאווסקי און א רייה אנדערע פערזענליכקייטען, וועלכע האבען אויסגעדרוקט זייערע אנערקענונג פאר איינע פון די גרעסטע אויף דעם געביעט.

פראפ. קאנטאראוויטש, א חוץ דעם וואס ער איז א בעגאבטער קינסטלער, איז ער אויך א זעהר אינטעליגענטער מענש מיט א איידעלען, ווארעמען כאראקטער. נאך זיין בעזוכען די היגע אינסטיטוציעס בית-יתומים און חנוך-ילדים האט ער גערנוויליג פארגעלעגט זיין קאנצערט לטובת זיי ביידע.

די יודישע געזעלשאפט אין ראדאם, בעזוכענדיג דעם קאנצערט וועט א חוץ דעם, וואס זי וועט אונטערשטיצען די דאזיגע באמת סימפאטישע און נויטיגע אנשטאלטען, אויך האבען דער גרעסטען גייסטיגען געניוס.

# גלענצענדער רעזולטאט פון די מאטורע-עקזאמענס אין גימנ. „פשיאטשול וויעדזי"

איינטיגע וואך זענען פארענדיגט געווארען די מאטורעלע עגזאמענס אין דער היגער יודישע גימנאזיום „פשיאטשול וויעדזי" מיט א זעלטענעם גוטען ערפאלג.

אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון קראקאווער שול-קוראטאריום איז דער שריפטליכער עקזאמען פארגעקומען אינטער'ן פארזיץ פון גימנאזיע-דירעקטאר אינזש. ה' רופאק. דער מינדליכער עקזאמען אונטער'ן פארזיץ פון ווייזיטאטאר ה' וואסאטעק.

צוויי שילער יהושע מייזעלס און גרשון חנניך פינעס, זענען גענצליך בעפרייט געווארען פון מינדליכען עקזאמען. דאס איז דער ערשטער מאל אין ראדאם און בכלל פון די זעלטענהייטען אין לאנד. אלע אביטוריענטען וואס זענען צוגעלאזן געווארען צום מינדליכען עקזאמען האבען אלע בעקומען די מאטורע. די נעמען פון די, וואס האבען בעקומען מאטורעס זענען: מייזעלס, פינעס, שמעון בער צוקער, אנגא נחמה דיאמענט, יהושע שלמה פרידמאן, שמחה בינם גאלדשטיין, מאיר הארוויטש, דבורה קעניגסבערג, חיי' ביילה ליכטענשטיין, אפרים ליפצער, הערש גויפעלד, יעקב ראזענבוים, משה דוד שטייגמאן, משה מרדכי שטראסבערג, ישראל דייבאך, אלעקסאנדער מאיר נאמולינסקי.

היינטיגען מיטוואך האט דער ווײזי־טאטאר ה' וואסאטעק אין אנוועזענהייט פון אלע אביטוריענטען, דירעקטאר, לעהרער'ס געהאלטען א רעפעראט. דעם אינהאלט פון דער אינטערעסאנטער רעדע — אין נעכסטען נומער.

# זיך געגרינדעט אין ראדאם אן'אבטיילונג פון לעגיאן אויפ'ן נאמען פון בערעק יאסעלעוויטש

די קאמענדע פון דערמאנטען לעגיאן האט אונז צוגעשיקט פאלגענדען קאמוניקאט מיט דער ביטע צו פערעפענטליכען איהם אין אונזער צייטונג.

## קאמוניקאט.

דערמיט מאכט די קאמענדע פון לעגיאן „בערעק יאסעלעוויטש" בעקאנט, אז דעם 25-טען ה. מ. איז אין ראדאם געגרינדעט געווארען א יודישער לעגיאן „בערעק יאסעלעוויטש" (מיליטערישע אויסבילדונג.) דורך דעם קאמענדאנט ה' בראניסלאוו הייגבערג פון ווארשא.

די דערמאנטע ארגאניזאציע האט די אויפגאבע אויסצובילדען די יודישע יוגענד פיזיש און מיליטעריש אזוי, אז יעדער בעזונדער מיטגליד נאכ'ן פערענדיגען צוויי מדרגות און דער אויסבילדונג, בעקומט פאלגענדע מיליטערישע הנחות: 1) פערקירצונג פון מיליטער-דיענסט מיט דריי מאנאטען 2) בעניצען פון אורלויבען 3) מ'פערט בעפרייט פון דער רעקרוטען-שולע.

דאס איז אן'ארגאניזאציע, וועלכע האט נישט אין רעגולאמין קיין שום פאליטישע טענדענצען. ס'פראגט נאר דעם כאראקטער פון ריין-מיליטערישע אויסבילדונג פאר דער יודישער יוגענד.

מיט דער ארגאניזאציע פערנעמען זיך העכערע אפיצירען פון 72-טען פולק אין דער שפיץ פון מאיאר טורטשיק און אנד.

די קאמענדע נעמט אן טעגליך איינשרייבונגען אין לאקאל פון האנדווערקער-קלוב (וואל-59) פון 7 ביז 10 אוו.

קאמענדאנט פון דער ראדאמער אבטיילונג

בר. ווײנבערג

נישט בלויז אויף א
פעהיגען שאפער
נאר אויך אויף א מעכאניקער
וועלען דיך אויסבילדען
Kursy Samochodowe
PRYLIŃSKIEGO
Warszawa Al. Jerozolimskie 27
שוין אין וואחנונג פאר צינצרייטע
די גרעסטע שול ווערקשטאטען

TABOR MIEJSKI
Wykonywa wszalkie prace, wchodzące w zakres asanizacji: jak wywóz nieczystości z dołów kloacznych, wywóz śmieci, omiatanie placów i jezdni.
Zgłoszenia: Wydział Gospodarczy, Radom, ul. Basenowa Nr. 20, telefon 562.

LÓD SZTUCZNY
Rzeźnia Miejska rozpoczęła już rozwożenie lodu sztucznego; zgłoszenia na każdą ilość lodu kierować należy do Rzeźni Miejskiej, Radom, ul. Basenowa 20, telefon 562.

D|H Zygmunt Weiss
WARSZAWA, Marszałkowska 68
jako jeneralny reprezentant
Fabryki Celulozy i Papieru
„NATRONAG" S.A.
odda wyłączność sprzedaży
na RADOM i okolice poważnej,
dobrze wprowadzonej firmie w branży papierniczej. — Pożądana gwarancja.
Tylko pierwszorzędne firmy ubiegać się mogą o powierzenie im sprzedaży.

KINO „NOWE CZARY" w RADOMIU.
פון מאנטאג דעם 3-טען טשערוויעץ ווערט דעמאנסטרירט א הערליכער דראמאט א. נ.
TANCERKA BOGóW
GILDA GRAJ אין די הויפט-ראל מיט די בעריהמטע ארטיסטין
Nad program! Nad program!
KOCHANEK MIAŁ STO...
שעהנע קאמעדיע — דער זאהל איז אויסגעקיהלט.

Redaktor i Wydawca Ch. M. Herc
Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska № 20.